זאָל פאַררעכנט ווערן די, וואָס איז נישט ווייניקער
ווי זעכציק יאָר אַלט, דאָס ווייב פון איין מאַן,
10 וועגן וועלכער מען זאָגט עדות אויף אירע מעשים
טובים, צי זי האָט דערצויגן קינדער, אויפגע־
נומען אורחים, געוואַשן די פיס פון די קדושים,
געהאָלפן די ליידנדיקע, נאָכגעפאָלגט כלערליי
11 מעשים־טובים. די יונגערע אַלמנות אָבער זאָלסטו
נישט אָננעמען; וואָרום ווען זיי לעבן אין פאַרגע־
12 ניגנס קעגן דעם משיח, ווילן זיי חתונה האָבן; זיי
פאַרדינען אַ משפט, ווייל זיי האָבן פאַרוואָרפן
13 זייער ערשטן גלויבן. און אין דער זעלביקער
צייט לערנען זיי צו זיין פויל, אַרומגייענדיק
פון הויז צו הויז; און נישט בלויז צו זיין פויל,
נאָר זענען אויך פלוידערינס און מישן זיך אין
יענעמס געשעפטן, רעדנדיק וואָס מען דאַרף נישט.
14 איך וויל דעריבער, אַז די יונגע זאָלן חתונה האָבן,
געבוירן קינדער, פירן אַ הויז, און נישט געבן
דעם קעגנער קיין שום געלעגנהייט צו לעסטערן;
15 וואָרום אייניקע האָבן זיך שוין אָוועקגעקערט נאָך
16 דעם שטן. אויב אַ גלויביקע (פרוי) האָט אַלמנות
ביי זיך, זאָל זי זיי פאַרזאָרגן, און נישט פאַלן
צו לאַסט דער קהלה; כדי צו קענען פאַרזאָרגן
די ווירקלעכע אַלמנות.
17 די זקנים, וועלכע הערשן גוט, זאָלן באַטראַכט ווערן
ווי ראוי אַ טאָפלטן כבוד, איבערהויפט די, וועלכע
באַמיען זיך אין וואָרט און אין דער לערנונג.
18 וואָרום דער פסוק זאָגט: אַן אָקס ביים דרעשן
זאָלסטו נישט פאַרבינדן דאָס מויל. (דברים כה, ד) און:
19 דער אַרבעטער איז ווערט דעם לוין זיינעם. קעגן
אַ זקן זאָלסטו נישט אָננעמען קיין אָנקלאַג, אַחוץ
אין דער קעגנוואַרט פון צוויי אָדער דריי עדות.